

# משל'ט זיך צו לערנען

## ראש השנה

### יוֹם תְּרוּעָה יִהְיֶה לָכֶם:

**אין** א ווייטן לאנד, ארומגענומען מיט הויכע בערג און ברייטע טייכן, איז געשטאנען א געוואלדיגער קעניגרייך. אין צענטער פונעם לאנד האט זיך אויפגעהויבן דער קעניגליכער פאלאץ, מיט הויכע שטיינערנע מויערן, גאלדענע טויערן און לאנגע שורות זעלנער וועלכע זענען געשטאנען אויף דער וואך טאג און נאכט.

**פון** אלע שטעט און דערפער זענען מענטשן געקומען צום פאלאץ, איינער צו בעטן א טובה, א צווייטער צו ברענגען א מתנה, און א דריטער צו הערן דעם משפט פונעם גרויסן מלך.

**דער** מלך איז געווען באקאנט איבער דער גאנצער וועלט אלס א קלוגער און רחמנות'דיגער קעניג. ער האט געהאט פיל שרים, גענעראלן און ראטגעבער, אבער **טייערער פון אלעמען איז אים געווען זיין איינציגער זון - דער בן-יחיד, אויף וועמען ער האט געקוקט ווי אויף זיין גאנצן לעבן.** דער מלך האט אים אויפגעצויגן אינעם פאלאץ, געלערנט מיט אים, שפאצירט מיט אים אין די קעניגליכע גערטנער, און אים צוגעגרייט אז ער זאל אמאל קענען פירן דעם ריזיגן קעניגרייך.

**דער** זון איז אויפגעוואקסן צווישן די שענסטע צימערן פונעם פאלאץ. ער האט געקענט יעדן ווינקל, יעדן דורכגאנג און יעדע באהאלטענע טיר. ער האט געקענט די שטימע פון זיין טאטן, און דער מלך האט געקענט זיין שטימע אפילו ווען ער האט גערעדט שטיל. **ווען דער יונגער פרינץ איז אריינגעלאפן אינעם גרויסן זאל און גערופן: "טאטע!" האט דער מלך זיך גלייך אויסגעדרייט, אפילו ווען הונדערטער מענטשן זענען דארט געשטאנען.**

**מיט** די יארן איז דער בן-מלך עלטער געווארן. איין טאג האט אים דער מלך אריינגערופן אין זיין פריוואטן צימער. אויפן טיש איז געלעגן א גרויסע מאפע, און דערויף זענען געווען אנגעצייכנט ווייטע לענדער, פרעמדע שטעט און אומבאקאנטע וועגן. **"מיין טייער קינד," האט דער מלך געזאגט, "דו ביזט מיר טייערער פון אלעמען.** אבער כדי דו זאלסט אמאל קענען פירן א מלוכה, דארפסטו זען מער ווי נאר די מויערן פונעם פאלאץ. דו דארפסט זיך באקענען מיט אנדערע לענדער, לערנען זייערע חכמות און פארשטיין ווי אזוי מענטשן לעבן אינדרויסן פון אונזער מלוכה."

**דער** בן-מלך האט אראפגעלאזט די אויגן. ער האט נאך קיינמאל נישט פארלאזט זיין טאטן אויף א לאנגע צייט. דער מלך האט געלייגט זיין האנט אויף דער פלייצע פונעם זון און געזאגט: **"דו פארסט ווייט, אבער געדענק: דו בלייבסט אלעמאל מיין זון. פארגעס נישט פון וואו דו קומסט, פארגעס נישט פארוואס דו פארסט, און פארגעס נישט דעם וועג צוריק אהיים."**

**מען** האט צוגעגרייט פארן פרינץ א קעניגליכע וואגן, שטארקע פערד, טייערע קליידער און עטליכע זעקלעך מיט גאלדענע מטבעות. דער מלך האט אים אויך געגעבן בריוו פאר די הערשער פון די ווייטע לענדער, און א קעניגליכן צייכן, כדי יעדער זאל וויסן אז ער איז דער זון פונעם גרויסן מלך.

**אין דעם באשטימטן אינדערפרי איז דער גאנצער פאלאץ ארויסגעקומען אים באגלייטן. די זעלנער האבן געבלאזן מיט זייערע טרומפייטן, די קנעכט האבן אריינגעלייגט די לעצטע פעקלעך אינעם וואגן, און דער מלך איז געשטאנען נעבן דעם טויער מיט א פארוויינטן פנים.**

**דער** בן-מלך האט זיך נאך איין מאל אויסגעדרייט. זיין טאטע איז דארט געשטאנען, מיט די האנט אויפגעהויבן צום געזעגענען. **"איך וועל צוריקקומען, טאטע!" האט דער זון אויסגערופן. "איך וועל נישט פארגעסן!"**

**דער** וואגן האט זיך ארויסגעלאזט אויפן לאנגן וועג. אין אנהייב האט דער בן-מלך טאקע געדענקט יעדעס ווארט פונעם

פאטער. אין יעדער שטאט האט ער באזוכט די בתי-חכמה, גערעדט מיט די קלוגע מענטשן און פארשריבן אין זיינע ביכער וואס ער האט געלערנט. יעדע פאר וואכן האט ער געשיקט א בריוו אהיים, און ווען עס איז צוריקגעקומען א בריוו פונעם מלך, האט ער עס געליינט נאכאמאל און נאכאמאל.

**אבער** דער וועג איז געווען לאנג, און די פרעמדע לענדער זענען געווען פול מיט זאכן וואס דער יונגער פרינץ האט נאך קיינמאל נישט געזען. אין איין גרויסער שטאט זענען די גאסן געווען באלויכטן ביז שפעט אין דער נאכט. מוזיק האט געשפילט פון די גרויסע הייזער, טייערע מאלצייטן זענען סערווירט געווארן אין די אכסניות, און יונגע לייט האבן פארברענגט גאנצע נעכט מיט שפילן און פארוויילונגען.

**"דו קענסט מארגן גיין לערנען,"** האבן אים זיינע נייע חברים געזאגט. "דו האסט גענוג צייט. דו ביזט דאך דער זון פון א רייכן מלך. וואס דארפסטו זיך אזוי יאגן?" אין אנהייב האט ער מסכים געווען צו בלייבן נאר איין אוונט. נאכדעם נאך א נאכט. שפעטער נאך א גאנצע וואך. **דער בריוו וואס ער האט געדארפט שיקן צום מלך איז געלעגן פארמאכט אויפן טיש. די ביכער זענען געבליבן אין א שטויביגן קאסטן. און דער בן-מלך האט זיך בארואיגט: "מארגן וועל איך זיך צוריקנעמען צו מיינע שטודיעס."**

**אבער** דער מארגן איז געקומען און אוועקגעגאנגען. נאכדעם נאך א מארגן, נאך א וואך און נאך א חודש. יעדעס מאל וואס ער האט זיך דערמאנט אינעם פאלאץ, האט ער תיכף געזוכט אן אנדער פארוויילונג, כדי נישט צו טראכטן דערפון.

**איינער** פון די באגלייטער וועלכע דער מלך האט מיטגעשיקט האט אים געווארנט: **"מייו פרינץ, מיר זענען נישט אהערגעקומען פאר דעם. דיין פאטער ווארט אויף דיינע ידיעות. מיר דארפן ווייטערפארן."** דער בן-מלך האט זיך אויפגערעגט.

**"דו וועסט מיר נישט זאגן וואס צו טון! איך בין דער פרינץ! איך האב גענוג געלט, און איך קען בלייבן דא וויפלאנג איך וויל!"** דער באגלייטער האט נאך עטליכע מאל פרובירט אים אויפצוואועקן, אבער דער פרינץ האט נישט געוואלט הערן. ענדליך האבן זיינע געטרייע באגלייטער, איינער נאכן צווייטן, פארלאזט די שטאט און זיך צוריקגעקערט צום מלך. דער בן-מלך איז געבליבן צווישן פרעמדע מענטשן, וועלכע האבן אים געשעצט נאר וויפלאנג ער האט געהאט געלט צו פארברענגען.

**די** גאלדענע מטבעות זענען געווארן ווייניגער און ווייניגער. ער האט פארקויפט איינער פון די פערד, נאכדעם דעם וואגן, און שפעטער אפילו טייל פון די טייערע קליידער וואס דער מלך האט אים געגעבן. יעדעס מאל האט ער צו זיך געזאגט דאס איז נאר צייטווייליג. **"איך וועל נאך אלץ קענען צוריקגיין. מיין טאטע איז דאך א גרויסער מלך."** אבער ווען א מענטש גייט אראפ, גייט ער נישט אלעמאל אראפ מיט איין גרויסן פאל. אמאל פאלט ער מיט איין קליינעם טריט, און דערנאך מיט נאך איינעם, ביז ער דרייט זיך ארום און דערקענט שוין נישט דעם ארט וואו ער שטייט.

**דער בן-מלך, וועלכער איז אמאל געזעסן נעבן דעם קעניגליכן טיש, האט זיך איצט געדארפט בעטן ביי פרעמדע מענטשן פאר א שטיקל ברויט.** די נייע חברים זענען פארשוואונדן געווארן. קיינער האט מער נישט געוואלט וויסן פון אים. ווען ער האט אנגעקלאפט אין די הייזער וואו מען האט אים אמאל אויפגענומען מיט כבוד, האט מען פארמאכט די טיר פאר זיין פנים.

**די** יארן זענען דורכגעגאנגען. דער פרינץ האט זיך ארומגעשלעפט פון שטאט צו שטאט, געטון שווערע ארבעט פאר אביסל עסן, און געשלאפן אין אכסניות, שייערן און פארלאזטע בנינים. זיינע הענט זענען געווארן גראב, זיין פנים פארברענט פון דער זון, און זיינע קליידער צוריסן. ער האט אנגעהויבן רעדן די שפראך פונעם פרעמדן לאנד.

**אין** אנהייב האט ער נאך גערעדט דערצו אויך די קעניגליכע שפראך פון זיין היימלאנד. אבער צוביסלעך האט ער פארגעסן ווערטער. ער האט פארגעסן ווי אזוי מען רעדט צו שרים, ווי אזוי מען גריסט דעם מלך, און ווי אזוי די קנעכט אינעם פאלאץ האבן אים גערופן.

**ביז עס איז אנגעקומען א טאג ווען דער בן-מלך האט זיך געוואלט דערמאנען אינעם קול פון זיין טאטן - און ער האט זיך דערשראקן: ער האט זיך קוים געקענט דערמאנען די ווערטער.** אין קאלטן אוונט איז ער געזעסן נעבן א וועג, אויסגעהונגערט און דורכגעפרוירן. א קליינע גרופע סוחרים זענען דארט אדורכגעפארן. איינער פון זיי האט געזונגען א שטילן ניגון. עס איז געווען א ניגון וואס מען פלעגט זינגען אין דער קעניגליכער מלוכה.

**דער** פארווארפענער פרינץ האט אויפגעהויבן זיין קאפ. ער

האט נישט געוואוסט פארוואס, אבער זיין הארץ האט אנגעהויבן קלאפן. דער ניגון האט אים צוריקגעפירט צו א גרויסן זאל, צו די גאלדענע פענסטער, צו די שפאציר-וועגן אינעם גארטן - און צום פנים פון זיין פאטער. פלוצלינג איז אים אלץ צוריק געקומען אין זכרון. דער פאלאץ. דער טויער. די לעצטע ווערטער פונעם מלך.

**"פארגעס נישט פון וואו דו קומסט... פארגעס נישט פארוואס דו פארסט... און פארגעס נישט דעם וועג צוריק אהיים."** ער האט באדעקט זיין פנים מיט ביידע הענט און אויסגעבראכן אין א ביטערן געוויין. **"וואס האב איך געטון?" האט ער געמורמלט. "וואס איז פון מיר געווארן?** מיין טאטע האט מיר געשיקט לערנען חכמה, און איך האב פארשווענדט אלץ וואס ער האט מיר געגעבן. ווי וועל איך קענען ווייזן מיין פנים פאר אים?"

**אבער** אונטער דעם גרויסן בושה האט זיך אנגעצונדן א קליינע האפענונג: אפשר ווארט זיין פאטער נאך אויף אים. אפשר וועט ער אים נאך אריינלאזן. אפשר איז דער וועג צוריק נאך נישט פארשפארט.

**אין יענער נאכט האט ער געמאכט דעם באשלוס: "איך קער זיך צוריק. אפילו איך וועל דארפן גיין צופוס, אפילו קיינער וועט מיר נישט גלייבן - איך גיי אהיים צו מיין טאטן."**

**דער** וועג איז געווען שווערער ווי ער האט זיך פארגעשטעלט. ער האט מער נישט געהאט קיין וואגן, פערד אדער זעקלעך מיט געלד. ער איז געגאנגען צופוס איבער שטיינערנע וועגן, דורכגעגאנגען וועלדער און שלאף-לאזע נעכט, און אפט האט ער נישט געהאט וואס צו עסן. וואן זיינע פיס האבן געבלוטיגט און דער קערפער האט אים געבעטן זיך אפצושטעלן, האט ער זיך דערמאנט אינעם פאלאץ און געגאנגען נאך א טריט.

**די** טעג זענען געווארן וואכן, און די וואכן חדשים. ער האט געפרעגט יעדן דורכגייער וועלכער וועג פירט צום קעניגרייך. טייל האבן געלאכט פון זיין מעשה. **"דו ביסט דער זון פונעם מלך?" האבן זיי געשפעט. "קוק זיך אן אין וואסער! א בן-מלך גייט אזוי אנגעטון?"** ער האט נישט געענטפערט. ער איז נאר ווייטער געגאנגען.

**ביז** איין אינדערפרי האט ער פון דערווייטנס דערזען די טורעמס פון דער הויפטשטאט. זיין אטעם האט זיך אפגעשטעלט. די טורעמס האבן געשיינט אין דער זון פונקט ווי ער האט זיי געדענקט. ער האט אנגעהויבן לויפן, טראץ זיינע אפגעמאטערטע פיס. ער איז אריבער דעם בריק, אריין דורכן שטאט-טויער, און זיך געשטופט צווישן די פארנומענע גאסן. אבער קיינער האט אים נישט דערקענט.

**מענטשן** האבן זיך אפגעשאקלט פון דעם שמוציגן, צוריסענעם פרעמדן. קינדער זענען אים נאכגעלאפן כדי צו קוקן אויף אים. אפילו די עלטערע מענטשן, וועלכע האבן אפשר אמאל געזען דעם יונגן פרינץ, האבן נישט געקענט גלייבן אז דער איינגעבויגענער מענטש קען זיין דער זעלבער קעניגליכער זון. ענדליך איז ער אנגעקומען צום פאלאץ. די גאלדענע טויערן זענען געשטאנען פאר אים, פונקט ווי אין זיינע קינדער-יארן. צוויי זעלנער האבן גלייך פארשפארט דעם וועג מיט זייערע שווערדן.

**"וואו** גייסטו?" דער בן-מלך האט געוואלט ענטפערן אין דער שפראך פון דער מלוכה. ער האט געעפנט דעם מויל - אבער די ווערטער זענען נישט געקומען. ער האט געמישט פרעמדע ווערטער מיט עטליכע צעבראכענע ווערטער פון זיין אלטער שפראך. **"מלך... מיין פאטער... איך... זון..."** די שומרים האבן אויסגעבראכן אין געלעכטער. **"דער זון פונעם מלך?!" האט איינער געשריגן. "דער בן-מלך גייט אין זיידענע קליידער און א גאלדענעם קרוין. דו ביסט א פארווארפענער בעטלער!"**

**"ניין!"** האט ער געשריגן. "איר פארשטייט נישט! לאזט מיך אריין! איך בין... איך בין..." אבער ווי מער ער האט פרובירט, אלץ ווייניגער ווערטער האט ער געפונען. ער האט געזוכט דעם קעניגליכן צייכן וואס דער מלך האט אים אמאל געגעבן, אבער דער צייכן איז שוין לאנג פארלוירן געווארן. זיינע טייערע קליידער האט ער פארקויפט. זיינע בריוו זענען פארשוואונדן געווארן. **ער האט נישט געהאט קיין איין זאך מיט וואס צו ווייזן ווער ער איז.**

**די** שומרים האבן אים אוועקגעשטופט. ער איז געפאלן אויפן הארטן שטיין פארנט פונעם טויער. "גיי אוועק," האט דער הויפט-שומר געזאגט. **"דער מלך האט נישט קיין צייט פאר אזעלכע מענטשן."** דער בן-מלך איז דארט געזעסן, צובראכן און פארשעמט. ער איז געקומען פון אזא ווייטן וועג. דער פאלאץ איז געשטאנען פאר זיינע אויגן. זיין טאטע איז געווען אינעווייניג - אבער צווישן אים און זיין פאטער זענען געשטאנען די פארשלאסענע טויערן, די שומרים און זיינע פארגעסענע

ווערטער.

**"איך** **האב פארלוירן מיין קליידונג. איך האב פארלוירן דעם קעניגליכן צייכן. איך האב אפילו פארגעסן די שפראך פון מיין טאטן... ווי אזוי וועל איך נאך אנקומען צו אים?"** פלוצלינג האט זיך געהערט א גערודער אינעם הויף. די גרויסע טירן פונעם פאלאץ האבן זיך געעפנט, זעלנער האבן זיך אויסגעשטעלט אין צוויי שורות, און דער קעניגליכער וואגן האט זיך געגרייט ארויסצופארן. און דא - האט דער בן-מלך אים דערזען.

**זיין** **פאטער. דער מלך איז געזעסן אינעם וואגן, מיטן זעלבן ערנסטן, גוטהארציגן פנים וואס דער זון האט אזויפיל יארן פרובירט צו געדענקען.** אין יענעם רגע האט דער בן-מלך פארגעסן פון די שומרים, פון די מענטשן, פון זיין שמוץ און פון זיין בושה. ער האט געוואלט רופן צום מלך, מסביר זיין ווער ער איז און דערציילן וואס עס האט מיט אים פאסירט.

**אבער** ער האט נישט געהאט קיין ווערטער. זיינע ליפן האבן געציטערט. זיין גאנצער קערפער האט זיך געשאקלט. פון טיפעניש פון זיין הארץ האט אויסגעבראכן איין ווילדער, צעבראכענער קול - נישט קיין שיינע רעדע, נישט קיין קעניגליכע שפראך, נאר דער זעלבער קול מיט וועלכן א קליין קינד רופט צו זיין טאטן: **"טאטע! טאטע! ראטעווע מיך! טאטע - איך בין דא!"** דער געשריי האט צעריסן די שטילקייט.

**די** פערד האבן זיך אפגעשטעלט. די שומרים האבן זיך אויסגעדרייט. דער גאנצער הויף איז שטיל געווארן. דער מלך איז פארפרוירן געווארן אויפן פלאץ. **די קליידער האט ער נישט דערקענט. דאס פנים איז געווען פארענדערט. די שפראך איז געווען צעבראכן. אבער דעם קול - דעם קול פון זיין אייניציגן קינד - האט דער טאטע תיכף דערקענט.**

**"שטעלט** **אפ דעם וואגן!" האט דער מלך אויסגערופן. "דאס איז מיין זון!"**

**די** שומרים האבן נישט געקענט גלייבן וואס זיי הערן. דער מלך איז אליין אראפגעשפרונגען פונעם וואגן און צוגעלאפן צום צוריסענעם פרינץ. **דער בן-מלך איז געפאלן צו די פיס פונעם פאטער, אבער דער מלך האט אים אויפגעהויבן און ארומגענומען. "טאטע," האט דער זון געוויינט, "איך האב אלץ פארלוירן. איך האב פארגעסן דיין שליחות. איך האב פארשווענדט וואס דו האסט מיר געגעבן. איך האב אפילו פארגעסן דיין שפראך."** דער מלך האט אים צוגעדריקט צו זיך.

**"אבער** **איין זאך האסטו נישט פארגעסן," האט דער מלך געזאגט. "דו האסט נישט פארגעסן אז איך בין דיין טאטע. און איך האב קיינמאל נישט פארגעסן אז דו ביסט מיין זון."** מען האט אים אריינגעפירט אינעם פאלאץ. מען האט אפגעוואשן, אים אנגעטון ריינע קליידער און געגעבן צו עסן. אבער מער פון אלץ האט אים דערווארעמט **די האנט פונעם מלך, וועלכער האט אים געהאלטן נאענט און נישט געלאזט אוועקגיין.**

**דער** בן-מלך האט נאך געהאט א לאנגע וועג צוריק צו זיין אמאליגן מצב. ער האט געדארפט זיך צוריק אויסלערנען די שפראך, זיך דערמאנען די וועגן פונעם פאלאץ און פאררעכטן וואס ער האט קאליע געמאכט. אבער די ערשטע, שווערסטע טיר איז שוין געווען אפן. **דער קול וואס איז ארויסגעקומען פון טיפן הארץ האט אים צוריקגעברענגט צום קעניגליכן פאלאץ - און צו די ארעמס פון זיין פאטער.**

---

**ווען** מען טראכט אריין אין דעם משל פונעם הייליגן בעל-שם-טוב, ווערט דאס הארץ אויפגעטרייסלט. דאס איז נישט די מעשה פון א פרינץ וועלכער האט אמאל געלעבט אין א ווייטן לאנד. **דאס איז אונזער אייגענע מעשה. דער בן-מלך איז די הייליגע נשמה פון א איד, וועלכע איז א קינד פונעם אייבערשטן.**

**איידער** די נשמה קומט אראפ אויף דער וועלט, געפינט זי זיך נאענט צום מקור, אונטערן כסא הכבוד. זי קען די קעניגליכע שפראך. זי ווייסט ווער איר פאטער איז, זי ווייסט פון וואו זי קומט און פארוואס זי ווערט געשיקט. אבער דער מלך שיקט דעם בן-יחיד אויף א ווייטע שליחות. די נשמה גייט אריין אין א גוף, אין א גשמיות'דיגע וועלט, פול מיט ארבעט, פרנסה, זארגן, נסיונות און פארוויילונגען.

**דער** **בן-מלך האט באקומען געלט, קליידער, א וואגן און בריוו פונעם מלך. אזוי אויך באקומט יעדע נשמה א גאנצן אוצר פאר איר שליחות: יארן און טעג, א מח, א הארץ,**

**כוחות, מעגליכקייטן, משפחה, תורה און מצוות.** דאס אלעס איז נישט געגעבן געווארן סתם צו פארברענגען דעם וועג. **דאס זענען די קעניגליכע אוצרות מיט וועלכע די נשמה דארף אויספירן איר שליחות.**

**אבער** די פרעמדע מדינה מאכט א גרויסן גערודער. דער עולם הזה זאגט צום מענטש: "**מארגן וועסטו לערנען. מארגן וועסטו דאווענען בעסער. מארגן וועסטו זיך אפגעבן מיט דיין נשמה. היינט האסטו נישט קיין צייט.**" און דער מענטש בארואיגט זיך: איין טאג וועט גארנישט שאטן, איין תפילה אן כוונה איז נישט געפערליך, איין פארפאסטע שיעור איז נישט עק וועלט.

**איין** טאג ווערט א וואך, א וואך ווערט א חודש, און דער מענטש ווערט אלץ מער צוגעוואוינט צו דער פרעמדער מדינה. **דער גרעסטער אומגליק איז נישט נאר אז דער בן-מלך האט פארשווענדט זיין געלט. דער גרעסטער אומגליק איז געווען אז ער האט פארגעסן פארוואס ער איז בכלל ארויסגעפארן.** ער האט געמיינט אז די פרעמדע שטאט איז זיין היים, אז די פארוויילונגען זענען זיין תכלית, און אז דער פאלאץ איז נאר אן אלטע זכרון פון אמאל.

**אזוי קען אויך פאסירן צו דער נשמה. זי ווערט ארייגעטון אין די זארגן פונעם טאג, אין געלט, כבוד, קנאה, כעס און אנדערע נסיונות. צוביסלעך ווערט איר קול שטילער. דער מענטש קען נאך וויסן אז ער איז א איד, אבער ער פילט נישט שטענדיג וואס דאס מיינט.** ער קען זאגן די ווערטער פונעם סידור, אבער דאס הארץ שלאפט. ער קען שטיין אין שול, אבער זיינע מחשבות לויפן נאך אלץ איבער די גאסן פון דער פרעמדער מדינה.

**ביז** די נשמה פארגעסט אפילו די שפראך פונעם מלך. דער מענטש וויל זיך אויסרעדן פארן אייבערשטן, אבער ער ווייסט נישט וואס צו זאגן. ער וויל מתפלל זיין, אבער די ווערטער קומען נישט ארויס. ער וויל תשובה טון, אבער ער פילט זיך אזוי ווייט, אזוי שמוציג און אזוי פארריסן, אז ער טראכט: "**ווי קען איך זיך בכלל ווייזן פארן מלך? ווער וועט גלייבן אז איך בין נאך א קינד פונעם קעניג?**"

**און דאס איז די געוואלדיגע מתנה פון ראש-השנה: ווען מיר האבן שוין נישט קיין ווערטער - גיט דער אייבערשטער אונז דעם שופר.** דער שופר זאגט נישט קיין לאנגע דרשה.

ער נוצט נישט קיין שיינע אויסדרוקן. ער איז נישט קיין כלי וואס שפילט א פראכטפולן ניגון. פון א פשוטן שופר קומט ארויס א פשוטער, הילכיגער קול. אבער אין דעם קול ליגט א געשריי וואס ווערטער קענען נישט ארויסברענגען.

**"טאטע! איך בין פארבלאנדזשעט. טאטע! איך האב פארגעסן. טאטע! איך בין פארשמירט געווארן פון דער לאנגער וועג. אבער איך בין נאך אלץ דיין קינד - ראטעווע מיך!" דאס איז דער טייטש פון "יוֹם תְּרוּעָה יִהְיֶה לָכֶם".** ראש-השנה איז דער טאג ווען דער אידישער קול ברעכט דורך אלע פארשלאסענע טויערן. דער מויל קען נישט מסביר זיין. דער מח איז צעמישט. די קליידער זענען אפשר נישט אויס קעניגליך. **אבער דער פנימיות'דיגער קול פון דער נשמה איז געבליבן דער זעלבער קול.**

**די** שומרים ביים טויער האבן געקוקט אויף די קליידער און אים אוועקגעשטופט. זיי האבן געזוכט א קעניגליכן צייכן און ריינע שפראך. אבער דער מלך האט נישט געדארפט קיין באווייזן. **א טאטע דערקענט דעם קול פון זיין קינד, אפילו דאס קינד איז אזוי ווייט פארענדערט אז די גאנצע וועלט דערקענט אים נישט.**

**א** איד קען זיך אמאל אליין נישט דערקענען. ער קוקט אויף זיינע מעשים, אויף זיינע פארפאסטע געלעגנהייטן און אויף די יארן וועלכע זענען פארביי, און ער פרעגט זיך: "**קען דאס טאקע זיין איך? בין איך נאך דער זעלבער נשמה וואס איז אמאל אראפגעקומען פון אונטערן כסא הכבוד?**"

**דער** בעל-שם-טוב לערנט אונז: יא! אונטער די שטויביגע קליידער, אונטער די פרעמדע שפראך און אונטער אלע שוואכקייטן, בלייבט א קעניגליכער קול. מען דארף אים נאר ארויסלאזן. **ראש-השנה פאדערט נישט אז א מענטש זאל זיך איינרעדן אז ער איז שוין צוריק אינעם פאלאץ. ער דארף אבער אויפהערן אנטלויפן, זיך אויסדרייען צום מלך און שרייען מיטן אמת'ן קול פון זיין הארץ.**

**אמת,** דער געשריי אליין איז נאך נישט דער סוף פונעם וועג. דער בן-מלך האט נאך גערדארפט זיך צוריק אויסלערנען די שפראך און פאררעכטן זיינע מעשים. אזוי אויך דארף דער איד נאך ראש-השנה ארייגגיין אין די עשרת ימי תשובה, תשובה טון, פאררעכטן זיינע מעשים, מקבל זיין גוטע קבלות און צוריקקומען צום ריכטיגן וועג.

אבער אן דעם ערשטן שריי קען מען נישט אנהייבן. ווילאנג דער בן-מלך שפילט נאך כאילו די פרעמדע מדינה איז זיין היים, גייט ער נישט צוריק. **ערשט ווען זיין הארץ ברעכט אויס - "איך וויל אהיים גיין!" - עפנט זיך דער וועג.**

**ווען** דער שופר בלאזט, דארף א איד נישט בלויז הערן א קול פון אינדרויסן. ער דארף הערן וואס זיין אייגענע נשמה שרייט אינעווייניג. אפשר זאגט זי: **"איך וויל צוריק האבן מיין תורה." אפשר: "איך וויל נאכאמאל פילן א תפילה." אפשר: "איך וויל ארויסגיין פון דעם כעס, פון דעם נסיון, פון דעם קאלטן געוואוינהייט." אפשר קען זי נאר זאגן איין ווארט: "טאטע!" מען טאר קיינמאל נישט זאגן: "איך בין שוין צו ווייט." דער בן-מלך איז געווען ווייט, פארריסן, פארשעמט און אן קיין ווערטער - אבער ער איז נישט געווען צו ווייט פארן אויער פון זיין פאטער.**

**די** נשמות ישראל זענען פארטריבן געווארן פון דעם קעניגליכן טיש און אראפגעקומען אין דער גשמיות'דיגער וועלט. במשך פונעם יאר ווערן מיר פארנומען מיטן וועג. מיר לויפן, ארבעטן, פלאגן זיך און זוכן וואס מיר דארפן.

אבער ווען עס קומט ראש-השנה און דער שופר צערייסט די לופט, דערמאנט זיך די נשמה: **"איך בין נישט קיין פרעמדער. איך בין א בן-מלך. איך האב א פאטער. איך האב א פאלאץ. איך האב א וועג צוריק." און דער אייבערשטער, דער אב הרחמן, דערקענט דעם קול.**

**נישט** ווייל אונזערע קליידער זענען שוין ריין. נישט ווייל אונזערע מעשים זענען שוין גאנץ. נישט ווייל מיר קענען מסביר זיין אלעס וואס איז געשען. נאר ווייל אין דעם קול ליגט דער טיפסטער אמת פון א איד: **"טאטע, טאטע, העלף מיר! איך וויל נישט מער בלייבן פארלוירן. איך וויל צוריקקומען צו דיר!"** דאס איז דער קול שופר. דאס איז דער געשריי פון דער נשמה. דאס איז דער טאג פון "יוֹם תְּרוּעָה יִהְיֶה לָכֶם".

**ווען דער איד רופט באמת "טאטע!" - דערקענט דער מלך דעם קול, עפנט די טויערן, און דער וועג צוריק צום קעניגליכן פאלאץ ווערט נאכאמאל אפן.**

**בעל** שם טוב

כל הזכויות שמורות
למכון א משל זיך צו לערנען
אין להעתיק שום חלק מגליון זה בלי רשות המערכת

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע במייל,
musheltolearn@gmail.com